**A Jolly Hassid**

*Abraham Goldfaden*

I thank you, loving heavenly father,
My loyalty to you is boundless
For you held me dear like no other
Above the rest of all the scoundrels;
And my children, as is known to you
They follow in my footsteps too.

The Frenchies, they eat with a hatless head,
May they all crumble to crumbs, *nu*!
Their females walk with their own braids
And their bonnets are a tad askew
My little ones go fully shaven
With coifs pulled over the ears, like *mavens*.
(…)
Their daughters are little *klezmers,* so

**אַ פֿריילעך חָסיד'ל**[1]

*אברהם גאָלדפֿאַדן*

איך דאַנק דיר האַרצידיקער פֿאָטער געטרײַער
איך דין דיך מיט מײַן גאַנץ חיות;
פֿאַר וואָס איך בין בײַ דיר טאַקע טײַער,
מער פֿון די אַלע הולטײַעס;
און מײַנע קינדער—דו זעסט זיך אַליין דאָס צו,
פֿירן זיך אַלע ברוך השם אויף מײַן סטרי.

די פֿראַנצויזן עסן מיט די הוילע קאָפּ,
ס'זאָל זיי נאָר צו-פֿאַלן אויף פּיצלעך,
און זייערע נקבות גיין מיט אייגענע צעפּ,
און אָן-גערוקט נאָך מיצלעך;
מײַנע קינדער גיין דאָך גאָר געשוירן,
און רוקן אָן די קופּקעס איבער די אויערן.
(…)
זייערע מיידלעך מאַכן זיי פֿאַר כלי-זמר גאָר,

**חסיד עליז**

*אברהם גולדפאדן*

אוי תודה, אבא'לה אהוב שבשמיים
אני בידיך, אתה מקשיב?
אתה יקר מכל אחד כפליים
יותר מכל המופקרים שמסביב
והילדים שלי, ברוך השם, גם להבא
ימשיכו ללכת בדרך של אבא

הצורפתימים אוכלים בגילוי ראש
שיתפוררו להם כהוגן
והנקבות מסתובבות עם שיער, בלי לחשוש
ומגבעונת על העוקם
ואצלי הקטנים מגולחים עד הקודקודַיים
והמצנפת מכסה להם עד לאוזניים
[…]
הילדות אצלם נהיו כמו כלייזמר

[1] Abraham Goldfaden, "Dos Freilekhe Hosidl" [The Jolly Hasid], in *Dos Yidele: Yiddishe lider af prost Yiddiser shprakh* [The Little Jew: Jewish Poems (and Songs) in a simple Jewish Language] (Warsaw: Yaakov Lidsky Book Handler, [1866] 1903), 94-100. Translations are mine, unless otherwise stated. I printed the original Yiddish opposite the English translation text only in translations of verse.

לומדות לנגן על חליל ומצילתיים
והן גם משמיעות קול, אוי ויי זמיר
כמו השיקסעס, אוי ואבוי לאוזניים!
ואצלי יודעת כל נקבה
שקול באשה הוא לגמרי ערווה
[…]
שולחים לטרייאטר ילד תמים
ומה הוא רואה שם? זוג מלוכלך
היא אומרת: "אהובי המקסים"
והוא מתמוגג: "כולי שלָך."
ואצלנו אם כבר מדברים על אהבה
היא קוראת לו שלימזל, והוא עונה, כלבה.

אצל האפיקורסים, פוי, זה מזעזע
נותנים לזכר לגדול מכל עבר
אז לחופה פתאום פוסע
בחור מבוגר, עם זקן, ממש גבר
אצלנו עושים שידוך פוצי-מוצי
של כלה ילדונת וחתנצ'יק צוציק.

אויף די טאָפּטשאַנעס לערנען זיי צימבלען;
און מיט אום-רחמנותדיקע קולות–ווײַ איז די יאָר
ווי די גויות זינגען און ברימבלען;
מײַנע קינדער האָבן ניט, חלילה, די טבע,
בײַ אונדז טאָר מען ניט הערן א קול פֿון אַ נקבה!
[…]
דער יאָלד פֿירט זי נאָך אויפֿן טרעיאַטער,
אַ דאָ שמועסן זיי צווישן זיך אַזוי:
זי זאָגט אים: דו ביסט מײַן הער גובערנאַטער,
און ער איר: מײַן געליבטע פֿרוי;
בײַ אונדז האָבן זיי זיך ליב דווקא אַזוי גאָר
כאָטש זי רופֿט אים שלימזל, און ער זי שוואַרץ יאָר.
(…)
בײַ די אפּיקורסים, פֿע, ס'איז ניט שיין,
לאָזט מען וואַקסן דעם זָכר;
און צו דער חופּה פֿירט מען זאָלט איר זען
שוין מיט אַ באָרד און אַלטער בחור;
בײַ אונדז פֿירט מען א כלה-כען גאָר אַ מאַציק
און דאָס חתן-דל נאָך גאָר אַ צוציק.

They play their cymbals ding-a-ling.
They use their voices, Heaven knows
It's just like *shiksahs;* they even sing!
My kids have no such manners ever:
Our female's voice is hushed forever.
[…]
The groom is led to the *theaiter*
The poor fool sees husband and wife.
Wife says, "my lord, my liege," and later
The husband answers, "You're my life."
But we? When we speak in love or jest,
He's called *schlimazel*, she--a pest.
(…)
The heretics, *fe*, this is so wrong,
They let their son grow up, mature,
So when he's wed there comes along
A lad with a beard, no kid for sure.
But we wed better: an infant bride
With a toddler *boychik* by her side.

# AWAKE, MY PEOPLE

Yehuda Leib Gordon, 1863

Awake, my people, how long will you sleep?
For the night is over, the sun has shone
Awake, and raise your eyes hither and thither
Please acknowledge your time and place.

Has time frozen, have its wings grown feeble,
Since you wandered to the wings of the earth?
Or have millennia not finally ended yet
Since you set on your endless wanderings?

Between then and now generations have passed
Lands and oceans have parted us from there
Illustrative changes have whirled us and thrust
Yet a new history now awaits us.

Awake, my people, how long will you sleep?
For the night is over, the sun has shone
Awake, and look with your eyes hither and thither
Please acknowledge your time and place.

The land in which we are born and now live
Is now considered a part of Europe!
Europe may be a small particle in the world,
Yet its wisdom is superior to all others.

This paradise has now welcomed you,
Its sons call us now "our brethren"
How long can you live amongst them as an outsider
Why will you stride against their course?

Hark, they release you from the ongoing suffering,
They unburden you, too, from the yoke,
They wipe from their heart away all futile hatred
They offer their hand, they embrace you with peace.

Erect your head, straighten your back,
And look them in the eye with love and affection,
Open your heart to wisdom and knowledge
And be an enlightened people, versed in their tongue.

Every erudite will share all the wisdom,
All crafts and skills will be taught to you.
The bold and the brave will serve in the army,
The farmers will harness their ploughs in the fields.

# הָקִיצָה עַמִּי

יהודה לייב גורדון, 1863

הָקִיצָה עַמִּי! עַד מָתַי תִּישָׁנָה?
הֵן גָּז הַלַּיִל, הַשֶּׁמֶשׁ הֵאִירָה.
הָקִיצָה, שָׂא עֵינֶךָ אָנָה וָאָנָה
וּזְמַנְּךָ וּמְקוֹמְךָ אָנָּא הַכִּירָה.

הֲכִי עָמַד הַזְּמָן וּכְנָפָיו רָפוּ
מִיּוֹם אֶל כַּנְפֵי הָאָרֶץ יָצָאתָ,
אוֹ שְׁנֵים אֲלָפִים לֹא תַּמּוּ סָפוּ
מִיּוֹם תַּם חָפְשְׁךָ וּבְאֶרֶץ נוֹד בָּאתָ?

מֵאָז עַד עַתָּה דּוֹרוֹת רַבִּים סָפוּ
יַמִּים וַאֲרָצוֹת מִשָּׁם יַפְרִידוּנוּ,
וַחֲלִיפוֹת מֵאֲלִיפוֹת בָּאוּ חָלָפוּ,
אַף קֹרוֹת אֲחֵרוֹת עַתָּה עִוְּדֻנוּ.

הָקִיצָה עַמִּי! עַד מָתַי תִּישָׁנָה?
הֵן גָּז הַלַּיִל, הַשֶּׁמֶשׁ הֵאִירָה.
הָקִיצָה, שָׂא עֵינֶךָ אָנָה וָאָנָה
וּזְמַנְּךָ וּמְקוֹמְךָ אָנָּא הַכִּירָה.

הָאָרֶץ בָּהּ עַתָּה נִחְיֶה נִוָּלֵד
לִגְלִילוֹת אֵירֹפָּה הֲלֹא נֶחְשָׁבָה!
אֵירֹפָּה הַקְּטַנָּה מֵחֶלְקֵי חֶלֶד
וּבְחֶקְרֵי חָכְמָה מִכֻּלָּם נִשְׂגָּבָה.

אֶרֶץ עֵדֶן זֹאת הֵן לָךְ תִּפָּתַח,
בָּנֶיהָ "אָחִינוּ" לָךְ יִקְרָאוּן עַתָּה?
עַד מָתַי תִּהְיֶה קִרְבָּם כָּאוֹרֵחַ,
לָמָּה מִנֶּגֶד לָהֶם תֵּלֵךְ אָתָּה?

וּכְבָר גַּם יָסִירוּ שִׁכְמְךָ מִסֵּבֶל,
וּמֵעַל צַוָּארְךָ עֻלְּךָ יָרִימוּ,
יִמְחוּ מִלִּבָּם שִׂנְאַת שָׁוְא וָהֶבֶל,
יִתְּנוּ לְךָ יָדָם, לְךָ שָׁלוֹם יָשִׂימוּ.

הָרִימָה נָא רֹאשְׁךָ, הַיְשֵׁר גַּבֶּךָ,
וּבְעֵינֵי אַהֲבָה אֲלֵימוֹ הַשְׁגִּיחָה.
וְתֵנָה לַחָכְמָה וָדַעַת לִבֶּךָ
וֶהְיֵה עַם מַשְׂכִּיל וּבִלְשׁוֹנָם שִׂיחָה.

כָּל בַּעֲלֵי בִּינָה בְּךָ חָכְמָה יִלְמָדוּ
פֹּעֲלִים וְאָמָּנִים כָּל מַעֲשֵׂה חָרֹשֶׁת.
אַמִּיצֵי הַלֵּב בַּצָּבָא יַעֲבֹדוּ,
אִכָּרִים יִקְנוּ שָׂדוֹת וּמַחֲרֶשֶׁת.

| | |
|---|---|
| So contribute to your country's treasuries<br>And share its assets enjoy its yield<br>Be a man outdoors, and a Jew in your tent,<br>A brother to your countrymen and a slave to your king. | אֶל אוֹצַר הַמְּדִינָה הָבֵא חֵילֶךָ<br>וּבִנְכָסֶיהָ קַח חֵלֶק וָזֶבֶד<br>הֱיֵה אָדָם בְּצֵאתֶךָ וִיהוּדִי בְּאָהֳלֶךָ<br>אָח לִבְנֵי אַרְצֶךָ וּלְמַלְכְּךָ עָבֶד. |
| Awake, my people, how long will you sleep?<br>For the night is over, the sun has shone<br>Awake, and look with your eyes hither and thither<br>Please acknowledge your time and place. | הָקִיצָה עַמִּי! עַד מָתַי תִּישָׁנָה?<br>הֵן גָּז הַלַּיִל, הַשֶּׁמֶשׁ הֵאִירָה.<br>הָקִיצָה, שָׂא עֵינֶךָ אָנֶה וָאָנָה<br>וּזְמַנְּךָ וּמְקוֹמְךָ אָנָּא הַכִּירָה. |

## AWAKE, MY PEOPLE

Michael Gordon, 1869 (1823-1890)

Awake, my people, you've slept enough
Awake and open your eyes wide
Why have you alone been plagued thus
That you alone are still asleep while it's midday?

The sun has shone long ago over the world
It's already prodded all the people to their feet.
But you alone lie still, all heavy and bent
And won't even open your eyes.

Time keeps fleeting, it won't stand and wait
Don't linger before it's too late
So linger no more, see what gets lost
While you still lie, fantasizing and dreaming

You lie and keep dreaming your silly old dreams
Of old times, of far away places.
The old times are no more, a new time is here
And you got far away from those places long ago.

Your murky Asia, from which you've emerged
Is shady and dark to this day
You've quitted the place long ago, you're in Europe now
Look up, see how bright the sun shines here.

The sun shines, it's radiant and bright
Yet you lie and sleep, won't get up.
Awake, my people, you've slept enough
Arise and open your eyes.

Awake from your crouching and stand up erect
Like all men, stretch out your limbs.
Stop bending your back, quit lowering your head,
Go get a haircut and wash properly.

Start wearing clothes, like all others wear,
Why need you your great grandfather's outfit?
Don't go out on the street in your long *shtreiml*
So people won't point: here goes an *Aziat*

## שטיי אויף מײַן פֿאָלק

מיכל גאָרדאָן, 1869[1]

שטיי אויף מײַן פֿאָלק, גענוג דיר שוין שלאָפֿן
שטיי אויף און מאַך שוין דײַנע אויגן אָפֿן
וואָס איז אויף דיר אַליין אַזוי אַ גרויס פּלאָג
וואָס דו שלאָפֿסט אַליין ביז האַלבן טאָג?

די זון איז לאַנג שוין אַרויס אויף דער וועלט,
זי האָט שוין אַלע מענטשן אויף די פֿיס געשטעלט
נאָר דו אַליין ליגסט געקראָטשעט געבויגן,
און האָלסט נאָך פֿאַרמאַכט דײַנע אויגן.

עס פֿליט די צײַט זי שטייט ניט און וואַרט
האָסט פֿיל פֿאַרזאַמט דיך האָט ניט געאַרט
פֿאַרזאַם זשע ניט מער, זע וואָס פֿאַרלירסט
וואָס ליגסטו און חלומסט און פֿאַנטאַזירסט.

וואָס ליגסטו און חלומסט די נאַרישע חלומות
פֿון אַלטע צײַטן פֿון גאָר אַלטע מקומות.
ניטאָ שוין יענע צײַטן ס'איז גאָר אַ נײַע צײַט,
און פֿון יענע מקומות ביסטו לאַנג שוין גאַנץ ווײַט.

דײַן פֿינסטערע אַזיע פֿון וואַנען דו ביסט אַרויס,
איז עד היום פֿינצטער איר חושך איז גרויס.
ביסט לאַנג שוין פֿון דאָרט אין אייראָפּע ביסט הײַנט,
טאָ זע זשע נאָר ווי שיין די זון דאָ שײַנט.

עס שײַנט די זון ס'איז ליכטיק און שיין
דו ליגסט און שלאָפֿסט ווילסט ניט אויפֿשטיין
שטיי אויף מײַן פֿאָלק, גענוג דיר שוין שלאָפֿן
שטיי אויף מאַך שוין דײַנע אויגן אָפֿן.

שטיי אויף פֿון געלעגער און שטעל זיך אַנידער,
אַזוי ווי אַלע מענטשן גלײַך אויס דײַנע גלידער.
פֿאַרקרים ניט דײַן רוקן פֿאַרבײַג ניט דײַן קאָפּ,
און שער זיך אַרום און וואַש זיך גוט אָפּ.

טו אָן דײַנע קליידער ווי אַלע זיך קליידן,
וואָס דאַרפֿסטו די קליידער פֿון דײַן עלטער זיידן
ניי, אָפֿן גאַס ניט אַרויס אין לאַנגן כאַלאַט,
זאָלן מענטשן ניט ווײַזן; אָט גייט דער אַזיאַט.

[1] **הקיצה עמי**, מיכאל גורדון (1823-1890). תרגום: י.ח. בילצקי: הקיצה עמי, / עד מתי תישנה? / קום, פקח עיניך, הבט אנה ואנה / מה זה שקוללת / מכל לאום ולאום / שלא קמת משנת / וכבר צהרי יום? *י. ח. בילצקי, פרוזדור וטרקלין, עמ' 128)*

Don't speak a language that no one understands
Your tongue is alien, a distorted mongrel
Whereas the state-language is clear and pure
Speak it, writes it, so that all may understand.

You're not, indeed, the most lustful of all
But you, my brother, are more boastful than all
You think that God respects you, and you alone
And you've brought this wild vanity from Asia.

Your "chosen-people" concept has thus only harmed you
It makes others find you repulsive and ugly
No words can help here nor can any claims,
When will wisdom illuminate your mind?

So say why you refuse to listen to wisdom
You think that wisdom will obstruct your faith
So know that wisdom – so clear and so real –
Is the only support that your faith can wish for.

For faith with wisdom revives all people
While faith without wisdom is just a wild beast
A wise believer is to humanity a friend
While an ignorant believer is to humanity a fiend

Run as fast as you can from the Hasidic Tsadik
Those venomous snakes, the worst of pests
What Sabbatai Zevi left over are his Hasidim
And their disciples are the Hasidic Tsadikim.

Our pure faith, our holy Torah
Is for a Hasidic Tsadik but petty merchandize
He mixes into it all sorts of garbage
And sells these damaged goods for no less than pure gold.

Why need you good pleaders between you and God?
Fellow Jew, why do you turn men into idol?
And why do you fear them, and give money to them
For their blessings for children, for snow and for rain.

Our God is close, anyone can approach him,
There is no need for a pander in order to beseech him
How can you believe in God, you fool, you idiot,
If you need to send him pimps who take bribes.

דו רעד ניט אַ לשון וואָס קיינער פֿאַרשטייט,
דײַן לשון איז פֿרעמד פֿאַרמישט פֿאַרדרייט
דאָס לשון המדינה איז קלאָר און ריין
דו רעד אים שרײַב אים זאָל יעדער פֿאַרשטיין.

דו ביסט טאַקע ניט קיין גרויסר בעל תאוה
ביסט אָבער, מײַן ברודער אַ גרויסער בעל גאוה
דו מיינסט אַז דו אַליין ביסט בײַ גאָט נאָר געאַכט
אָט די ווילדע גאוה האָסטו פֿון אַזיע געבראַכט.

דײַן "אתּה בחרתָּנו" טוט דיר גרויסע רעות
דאָס מאַכט דיך בײַ מענטשן נמאָס און מָאוס
דערצו העלפֿט קיין רייד דערצו העלפֿט קיין טענען
ביז וואַנען די חכמה וועט דײַן זינען באַשײַנען.

נאָר זאָג זע וואָס ווילסטו פֿון חכמה ניט הערן
דו מיינסט אַז חכמה קען דיין אמונה שטערן
דו ווייס אַז חכמה – נאָר די וואַרע און קלאָרע –
איז צו דײַן אמונה די גאַנצע פאָדפאָרע.

אמונה מיט חכמה איז דעם מענטשן גאָר מחיה
אמונה אָן חכמה איז נאָר אַ ווילדע חיה,
אַ בעל אמונה מיט חכמה איז אַ מענטשנפֿרײַנד,
אַ בעל אמונה אָן חכמה איז אַ מענטשעןפֿײַנד.

אנטלויף גאַנץ ווײַט פֿון חסידישע צדיקים
די גיפֿטיקע שלאַנגן, די גרעסטע מזיקים
פֿון שבתי צבי זײַנען געבליבן זײַנע חסידים
די חסידישע צדיקים זײַנען זייערע תלמידים.

אונדזערע ריינע אמונה, אונדזער הייליקע תורה,
איז בײַם חסידישן צדיק אַ פּראָסטע סחורה,
ער מישט אין זיי אַרײַן פסולת אַלערליי
פֿאַר ריינעם פֿײַנעם גאָלד פֿאַרקויפֿט ער זיי.

וואָס דאַרפֿסטו צו גאָט פֿאַר זיך די גוטער בעטער
דו ייִד וואָס מאַכסטו מענטשן פֿאַר געטער
און שרעקסט זיך פֿאַר זיי און געלד גיסטו זיי,
פֿאַר ברכות פֿאַר קינדערפֿאַר רעגן, פֿאַר שניי.

אונדזער גאָט איז נאָענט, צו אים קען יעדער צוטרעטן,
דאַרפֿסט קיין פֿאַקטאָר צו אים אַליין קענסט אים בעטן,
ווי גלויבסטו אויף גאָט אַ דו שוטה, דו נאַר
אַז דאַרפֿסטו צו אים פֿאַקטורים וואָס נעמען כאַבאַר

| | |
|---|---|
| Don’t believe in swindlers, believe rather in God<br>And three times a day keep praising him<br>But remember, man, you're standing before God<br>Need not sway, and bend and make faces. | דו גלויב אין רמאים. אין גאָט זאָלסטו גלויבן,<br>טאַקע דרײַ מאָל אין טאָג זאָלסטו אים לויבן,<br>נאָר ווייס דו מענטש אַז שטייסט פֿאַר גאָט<br>טאָ וואַרף זיך ניט קרים זיך ניט, ווער ניט צו שפּאָט. |
| Are you crazy, has it occurred to you<br>Why yell to God, why scream out so loud?<br>The almighty hears, he is not at all deaf<br>He, notices the smallest of worms sing his praise. | צי ביסטו משוגע צי איז געריררט דײַן מוח,<br>וואָס שרײַסטו צו גאָט מיט דײַן גאַנצע כוח?<br>דער גרויסער גאָט הערט ער איז דאָך ניט טויב.<br>פֿון דעם קלענסטן ווערימל הערט ער זײַן לויב. |
| When we are together in shul<br>I see you turn yourself into a madman and fool<br>I sit there calmly, not losing my temper,<br>I’m probably used to your outrageous manners. | ווען איך בין מיט דיר צוזאַמען אין שול,<br>איך זע דו מאַכסט זיך משוגע און דול.<br>זיץ איך גאַנץ רוהיק, און ווער ניט אין כעס,<br>איך בין שוין געוואָהנט מיט דײַן משוגעת. |
| But when on a train, together in a car<br>Among strangers who are looking at you<br>When you pray and sway and meow like a cat<br>All I see is sniggering laughter from those who witness that. | אָבער דאָרט אויף דער באַן מיט דיר אין וואַגען<br>צווישן פֿיל פֿרעמדע וואָס קוקן דיך אָן<br>דו דאַוונסט און קרימסט זיך מיאוקעסט ווי אַ קאַץ<br>איך זע פֿרעמדע לאַכן איך קריג שיעור די פּלאַץ. |
| You wear the prayer shawl, you wear your small *talis*,<br>This diaper you wrap in incites only mockery.<br>Then when you kiss and lick the fringes of your tassel<br>The mockery turns uncontrollable and I nearly faint. | דו טראָגסט דאָך ציצית טראָגסט אַ טלית קטן,<br>וואָס וויקעלסט זיך אין טלית צום לאַכן צום שפּאַטן,<br>און קוש און לעקסט די ציצית, דעם טלית,<br>איך זע אַלע לאַכן איך פֿאַל שיעור און חלש. |
| Strangers think it’s a commandment from our Torah<br>To sway here and there when we pray, all this folly,<br>With the weirdest of gestures, no shame and no glory<br>You, Jews, desecrate our Holy of Holies. | די פֿרעמדע מײַנען עס איז אונדזער תורה'ס דין<br>צו וואַרפֿן זיך בײַם דאַוונען אַהער און אַהין<br>מיט משוגענע תנועות און גאָר אָן שום בושה<br>דו ייִד ביסט מבזה אונדזער טײַערע קדושה. |
| For nothing is more sacred than our Holy Torah<br>What it commands are the creator's very laws.<br>Now let’s abolish the false and crooked customs<br>Let’s not mix the impurity into the sacred. | ס'איז קודש קדשים אונדזער שײַנע רײַנע תורה,<br>אַזוי ווי זי הייסט אַזוי דין דעם בורא,<br>טאָ שאַף אָפּ די מנהגים פֿאַלשע און קרומע<br>דו מיש ניט אַרײַן אין קדושה די טומאה. |
| Say three times a day that God is one and only.<br>He alone rules the world, nobody but Him.<br>So what’s the point of a silly replacement<br>Separate now God from his false entourage. | זאָגסט דרײַ מאָל אין טאָג אַז גאָט איז איינער<br>ער פֿירט אַליין די וועלט אַ חוץ אים קיינער<br>טאָ וואָס ביסטו ייִד אַ נאַרישע חלפֿון<br>בײַסט אויס איין גאָט אויף מטט און סנדלפֿון |
| How did this idea come upon you, fellow Jew,<br>That God needs a team of ministers<br>That he cannot run the world without them,<br>How did Jesus turn for you Jew into an Interior Minister? | ווי קומט צו דיר ייִד אַ געדאַנק אַ וויסטער<br>אַז גאָט דאַרף האָבן צו זיך אַ מיניסטער<br>ער קען ניט פֿירן די וועלט אָן אים –<br>ווי קומט צו דיר ייִד ישוע שר הפּנים |
| God has punished you, and will punish again, | גאָט האָט דיך געשטראָפֿט, און שטראָפֿט דיך ווידער |

| | |
|---|---|
| Because of all that your prayer books contain:<br>The names of angels, all of God's little helpers,<br>You're steeped in idol worship, just like your ancestor Esau | דערפֿאַר וואָס איז פֿול דײַן מחזור דײַן סידור<br>מיט נעמען פֿון מלאכים, זיי זײַנען אָפּגעטער<br>דינסט עבודה זרה ווי עשו דײַן פֿעטער. |
| In order to cleanse yourself from this idolatry,<br>You must know your pure and clear faith<br>For that there's no need for a great effort<br>Just learn the Torah, the pure Bible itself. | כדי ריין צו ווערן פֿון דער עבודה זרה<br>דאַרפֿסט וויסן דײַן אמונה די רײַנע די קלאָרע<br>דערצו דאַרפֿסטו נאָר קיין מי אַ סך<br>נאָר לערנן די תורה דער ריין תנ״ך. |
| When you study the Talmud with a sound mind<br>You are sure to find in it the straight and narrow<br>YOur trouble, you see, and your plight are simple<br>That the Talmud and Torah are taught by warped minds. | ווען גמרא וועסטו לערנן מיטן גלײַכן זינען<br>וועסט אין איר אויך דעם גלײַכן וועג געפֿינען<br>אָט דאָס איז דאַך דײַן שלאַק דאָס איז די צרה<br>וואָס קרומע קעפּ לערנן די תנ"ך און גמרא. |
| Therefore, though there's more to tell you, my people,<br>Enough is enough, just hear and obey me<br>And then, you all will understand,<br>How to tell the good from the bad, and fine from plain. | ס'איז דאָ נאָך פֿיל צו זאָגן דיר מײַן פֿאָלק<br>דערווײַל איז גענוג, דאָס ביסל נאָר פֿאָלג.<br>נאָכדעם וועסט שוין אַליין גוט פֿאַרשטיין<br>וואָס גוט וואָס שלעכט וואָס מיאוס וואָס שיין. |
| So why are you angry, and why gnash your teeth<br>Why get so furious and cast stones at me?<br>Why holler why curse, why make noise, why bother?<br>I'm doing you a favor, after all, I'm your brother! | וואָס ווערסטו אין כעס וואָס קריצטו די ציין<br>וואָס ווערסטו שטאַרק בייז און וואַרפֿסט מיר אַ שטיין?<br>וואָס שרײַסטו וואָס שעלסטו, וואָס מאַכסטו אַ גערודער?<br>איך מיין דאַך דײַן טובה, איך בין דאָך דײַן ברודער. |

## AWAKE, MY PEOPLE

Abraham Goldfaden, 1880
(*from Ni be ni me ni kookoorikoo)*

Awake, my people, arise from your nap.
In nonsense you should no longer trust.
How fresh is the morning, how clear is the sky
All the others rejoice and live.
Other peoples have long ago opened their shutters
A shining light of education shines,
Fresh air of wisdom and hope
Blows in and fills the room.
But you, my people, won't open your shutters
With you, my people, it's an eternal plague,
Drowsy, you're blind to time, you won't get up.
Awake, my people! It's day outside.

I hear the tumult in all other countries
Every people has re-formed itself[1]
Here ministers sit, sharpening their minds,
Legislating new laws for the sake of their people
Over there canons thunder, and ships sail away
Reaching new territories and lands
Curiosity takes people to the ends of the earth
How fast letters are delivered worldwide.
Locomotives whistle and arouse.
Awake, my people! It's day outside.

But my people is submerged in its nap, in a dream,
It doesn't feel like standing up on its feet
It waits for bread to fall from the Heavens
And water to sprout from a rock
It meditates over the length of a prayer-shawl
Or the depth of the ritual bath
It seeks devices to drive away Satan
And ways to kosher a pot and a calf
It is clear how to distinguish kosher from *treif*
Its commandments outweigh everything
You ought to wake up from your silly dream,
Awake my people! It's day outside.

## שטיי אויף מײַן פֿאָלק

אברהם גאָלדפֿאַדען, 1880
*(פֿון ני בע ני מע ני קוקוריקו)*

שטיי אויף, מײַן פֿאָלק, ערוואַך פֿון דײַן דרעמל
אין נאַרישקײַט זײַן ניט פֿאַרגלויבט
ווי פֿריש איז דער מאָרגן, ווי לויטער איז דער הימל
אַלעס פֿרייט זיך און לעבט.
בײַ אַלע פֿעלקער זײַן די לאָדענס לאַנג אָפֿן
פֿון בילדונג שיינט זי איין שײַן,
פֿרישע לופֿט פֿון חכמות און האָפֿן,
שיינט זי אין צימער אַרײַן.
נאָר דו, מײַן פֿאָלק, ווילסט די לאָדן ניט אויפֿמאַכן.
מיט דיר, מײַן פֿאָלק, איז אַן אייביק פּלאָג,
דו פֿאַרשלאָפֿסט, די צײַט, דו ווילסט ניט ערוואַכן.
שטיי אויף, מײַן פֿאָלק! עס איז שוין טאָג.

איך הער ווי עס רוישט אין אַלע מדינות
יעדעס פֿאָלק האָט איר פֿירמא געבראַכט
דאָ זיצן מיניסטאָרן די קעפּלאָך געשליפֿן
געזעצע פֿאַר זײַן פֿאָלק מאַכן בערייט
דאָרט דונערען קאַנאָנען, דאָרט לויפֿן שיפֿן
מען נעמט איין לענדער און שטעט
געשפּאַנט זײַנען דאָרטן אין אַלע וועלט-עקן
ווי שנעל טוט אַ בריף יעצט אַ יאָג
לאָקאָמאָטיוון פֿײַפֿן און וועקן
שטיי אויף, מײַן פֿאָלק, עס איז שוין טאָג.

נאָר מײַן פֿאָלק, חלומט אין חלום, אין דרעמל,
דאַרום גלוסט אים ניט אויפֿשטיין
אז מען וואַרפֿט אים ברויט פֿון הימל
וואַסער צאַפּט ער פֿון אַ שטיין
ער קלערט נאָר ווי לאַנג צו מאַכן דעם טלית-קטן
די מקוה זאָל האָבן אַ שיעור
ער קלערט נאָר תּחבולות ווי צו פֿאַרטריבן דעם שטן
און ווי מען כּשרט א טאָפּ און אַ טיר
ער קלערט נאָר צו אונטערשיידן פֿון טרפֿה מאכלים,
זײַנע מצוות וועגט דעם אויף דער וואָג.
טו וואַרף שוין אַוועק דײַן נאַרישן חלום,
שטיי אויף, מײַן פֿאָלק! עס איז שוין טאָג.

---

[1] The Yiddish original (יעדעס פֿאָלק האָט איר פֿירמא געבראַכט) is unclear. Therefore, I took some liberty in "reforming" the bizarre "firma" into the play on words: "re-form."